# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:37
מוצאי שב"ק....................9:09

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........דברי הימים-א' י"ד-ט"ו
בבלי........................סוטה ל"ח
ירושלמי.............כלאים ל"ה
תוספתא...................מנחות ה'
רמב"ם............יסודי התורה ב'

פרשת אמור, ט"ו אייר, אבות פרק ד', שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 32 (602)


# אַ וָואוּרט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם. זָאגְט רַשִׁ"י: אֱמֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רסא): "כְּשֶׁנּוֹפֵל אָדָם מִמַּדְרֵגָתוֹ יֵדַע שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם הוּא, כִּי הִתְרַחֲקוּת תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּת, עַל כֵּן נָפַל שֶׁיִּתְעוֹרֵר יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר פַאלְט צוּרִיק צוּ זַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע מַעֲשִׂים זָאל עֶר וִויסְן אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, כְּדֵי עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנֵיי מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַעֲצָתוֹ שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה' כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל מֵעוֹלָם", דִי עֵצָה פַאר אִים אִיז עֶר זָאל מַאכְן אַ פְרִישֶׁע קַבָּלָה, עֶר זָאל פוּן פְרִישׁ אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּאִילוּ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְט פַארְדֶעם, נָאר דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה', שֶׁצְּרִיכִין מַמָּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", וַוייל דָאס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶער כְּלַל אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען זָאל זִיךְ אַלֶץ בַּאנֵייעֶן, מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר זָאל אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אַזוֹי וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ אוּן דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן וְכוּ' וְכוּ', וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען שְׁפִּירְט ווִי קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט, מֶען הָאט שְׁטַארְקֶע רְאָיוֹת אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים; אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּער גֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס עֶס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען. דָאס אִיז דַיין שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, צוּ זֶען ווִי אַ אִיד וָואס עֶס קָאכְט אִין אִים אַלֶע שְׁמוּץ אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת וְכוּ' וְכוּ'"; דָאס קֶען אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ נִישְׁט בַּאוַוייזְן. וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ פְרִישֶׁע קַבָּלָה; זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הַיינְט גֵיי אִיךְ אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, הַיינְט הֵייבּ אִיךְ אָן דִיר צוּ דִינֶען, הַיינְט גֵיי אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אוּן גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דַיינֶע קַבָּלוֹת הַאלְטְן נִישְׁט אָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה, וֶוען זֵיי זֶען ווִי זֵיי פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן פְּלוּצְלִינְג פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ יְרִידָה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אַז בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, סְפֵיקוֹת אוּן מְנִיעוֹת וְכוּ', מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאוֶוענְט, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ חִיוּת אִין עֲבוֹדַת ה'. דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט פִילְן, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר וֶועט נִישְׁט פִילְן קַיין שׁוּם חִיוּת. אוּן דֶעמָאלְט עֶר וֶועט זִיךְ מוּזְן שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט, אֱמוֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים. מֶען דַארְף וָוארֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע אוֹיף דִי קְלֵיינֶע. דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי צַייט וָואס עֶס גֵייט גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ עֶר הָאט חִיוּת; זָאל עֶר זִיךְ צוּגְרֵייטְן פַאר דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג, צוּ דִי צַייטְן וָואס עֶר וֶועט זַיין פוּל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל, אַז עֶר זָאל זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשע"ח, זֹאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר א')

# מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## לַ"ג בָּעוֹמֶר

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי ווִי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) "כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחַק". צַדִּיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְּחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה, קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶּער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִּיק פוּן וואוּ עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי מֶען אִיז דָארְט, וַוייל וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג

<<<<<<

# א גוטווארט

דִי טָאג וָואס מֶען מַאכְט פֵּיאוֹת פַארְן קִינְד - גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג עֶר זָאל נִישְׁט זֶען קַיין גוֹיִם. עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ אַז מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיפְן קִינְד עֶר זָאל אוֹיךְ נִישְׁט זֶען קַיין פְרוֹיעֶן; בַּיי אוּנְז אִיז מֶען נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, בַּיי אוּנְז גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט זֶען קַיין גוֹיִם.

מַאכְט נִישְׁט קַיין עִיקָר פוּן טָפֵל אוּן טָפֵל פוּן עִיקָר, דֶער עִיקָר בַּיים אָפְּשֶׁערְן אִיז אֵיין זַאךְ: 'דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הָאט אַ גֶעזוּנְט קִינְד אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אִים צוּ מַאכְן הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט', אוּן מֶען בֶּעט פַאר אִים אוּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

בְּרֶענְגְט אִים אַ פּוּשְׁקֶע עֶר זָאל יֶעדְן טָאג לֵייגְן פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה, אוּן וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ אָנְזַאמְלֶען אַ שֵׁיינֶער סְכוּם זָאל עֶר דְרוּקְן אַ קוּנְטְרֵס אָדֶער סֵפֶר וָואס וֶועט מְזַכֶּה זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ?
# אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת, י"ב אִיָּיר, כ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אֵיינֶע פוּן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט וֶועגְן "פֶּסַח שֵׁנִי" (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּרוֹת הֲלָכָה ה, אוֹת טז).

דִי פַּרְשָׁה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי, דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי– אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן וָואס זֶענֶען טָמֵא גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן "קָרְבַּן פֶּסַח"– זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט אַ טַעֲנָה (בַּמִּדְבָּר ט, ז): "'לָמָּה נִגָּרַע', וָואס זֶענֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ בִּין טָמֵא, אִיךְ טָאר נִישְׁט מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, פַארְוָואס? אִיךְ וִויל אָבֶער אוֹיךְ מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה!" מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען דִי רָצוֹן, דִי וִוילְן פוּן אָט דִי אִידְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא גֵייט עֶפֶּעס זַיין, וַוייל וֶוען מֶענְטְשְׁן ווילְן זַיין גוּט, זֵיי בֶּעטְן זִיךְ: "לָמָּה נִגָּרַע"– הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ (שַׁבָּת קד.): "הַבָּא לְטַהֵר", וֶוען מֶען ווִיל זַיין גוּט, "מְסַיְּעִים אוֹתוֹ", הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל זֵיי גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ מַאכְן יֶעצְט דֶעם פֶּסַח.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר אוּנְז, מִיר זֶענֶען דָאךְ וִוי אַזוֹי מִיר זֶענֶען, "וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלַל" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן לט), מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז; אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי רָצוֹן, מִיר וֶועלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "לָמָּה נִגָּרַע, וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחְשָׁבָה. אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיר"– וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין, מֶען וֶועט אוּנְז גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט אָנְצוּהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין אַ לִיכְטִיגֶע וָואךְ, אִין דִי סְפִירָה פוּן הוֹד. דִי וָואךְ זֶענֶען תַּרְעִין פְּתִיחָן, דִי טִירְן זֶענֶען אָפְן (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, דַף קנג.). דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי גְרוֹיסֶע הִילוּלָא פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אִיךְ וִויל אַייךְ נָאר בֶּעטְן אֵיין זַאךְ. רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט אִין זוֹהַר, אֵיידֶער עֶר הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי הֵיילִיגֶע סוֹדוֹת אִין פַּרְשַׁת נָשֹׂא, דִי אִידְרָא קַדִּישָׁא, זָאגְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אַ לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ חַזְרְ'ן מִיט אוּנְז, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע חֲבֵרִים (נָשֹׂא קכח.): "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז זַיין חֲבֵרִים, אוּנְזֶער כֹּחַ אִיז נָאר אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבְּן, "אֲנָן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ; בְּרֶעסְלֶעבֶ'ער חֲסִידִים מוּזְן זִיךְ לִיב הָאבְּן, מִיר מוּזְן זִיךְ לַיידְן. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגוֹת דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיב הָאבְּן, מִיר וֶועלְן לֶעבְּן בְּאַחְדוּת".

זַייט מִיר נִישְׁט מְפַרְסֵם, זַייט עֶנְדֶערְשׁ מְפַרְסֵם דִי נוּמֶער פוּן דִי שִׁיעוּרִים, דִי בְּרִיוו אוּן גִּלְיוֹנוֹת. גֵייט הֲפָצָה מִיט דִי שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְתוּרְגָּם; עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי זִיס; נִישְׁטָא אַ קוּנְטְרֵס וָואס מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט טְרֶעפְן דֶערִין, יֶעדֶע קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז דָא דֶערִין אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

דֶער עִיקָּר דַארְפְן מִיר זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן פוּנְדָאסְנֵיי, פְרִישׁ מְקוֹרָב וֶוערְן, אָנְהוֹיבְּן נוּצְן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; אַ שָׁאד דָאס נִישְׁט צוּ טוּן, מֶען וֶוערְט דָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

סְפֶּעצְיֶעל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיּוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶּכֶת שַׁבָּת) אַז דֶער צַדִּיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִּיק וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיּוּן.

אַוַדַאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָּשׁ בַּיים צִיּוּן אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס אִיז אִין דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִּיק. אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער פוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

### אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ ווִינְקֶל

דִי וָואס פָארְן יָא קַיין מִירוֹן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר דַארְפְן ווִיסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר עֶר אִיז אוֹיךְ אִין גַאנְצֶע גֶעגְנְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן. דִי גַאנְצֶע בַּארְג הָאט דִי קְדוּשָּׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרֵיינְצוּשְׁטוּפְּן אִין דִי מְעָרָה. מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ ווִינְקְל, אוּן פוּן דָארְט אִיז מֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. דֶער זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער מֵגִין אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נְשָׁמוֹת-יִשְׂרָאֵל פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִי"ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְדִים, אַשְׁכְּנַזִים אוּן סְפָרַדִים, אַלֶע קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ דָאס פְּלַאץ דָארְט, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם. אִין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פוּן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זִי"ע שְׁטֵייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לָשׁוֹן: "אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַאר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן". זֶעט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְּן חִיּוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אוּן דֶערְפַאר פָארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ זַיין צִיּוּן, אוּן פוֹעֶלְ'ן אוֹיס אַלֶעס גוּטְס.

### שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) אַז צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. דָאס מֵיינְט סֵיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן סֵיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָּאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶט'ן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט'ן אָבֶער אַזוֹי וִוי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט'ן. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶען מִיט וַויין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט: "וֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט. וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט. וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ גֶעפִין אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ ווִיל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאב אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן טוּן וַוייטֶער. וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. זֶעט מֶען וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר)

<<<<<< א בריוו פון ראש ישיבה שליט"א

גוּטֶע פְרַיינְט; דָאס לֶעבְּן וֶועט אַזוֹי זַיין, אַלֶע צָרוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז נָאר וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע מְרִירוּת אִיז כָּל זְמַן מֶען לֶעבְּט אָן אֱמוּנָה; וִוי נָאר מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ 'עֶס אִיז דָאךְ דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס פִירְט מִיךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיינְס, אִיךְ בִּין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הַאנְט'– וֶוערְט אַלֶעס גוּט.

בְּנוֹגֵעַ מִירוֹן; וֶוער עֶס קֶען קוּמֶען צוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי– זָאל זִיכֶער קוּמֶען, בַּיי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי בַּאקוּמְט מֶען יְשׁוּעוֹת. צַדִיקִים טַייטְשְׁן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אַ לָשׁוֹן (בְּרָכוֹת ט.): "כְּדַאי הוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחַק", דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, וֶוען עֶס דְרוּקְט, וֶוען מֶען אִיז בְּדֹחַק– קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי; אָבֶער מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, און חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ שְׁלָאגְן צוּצוּקוּמֶען בִּיזְן צִיוּן, אִינֶעם מְעָרָה.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּפֵירוּשׁ: "דִי גַאנְצֶע הַר מִירוֹן אִיז אַ מָקוֹם צוּ פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת"; זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי עֵרֶב רַב. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זֵיי, דִי עֵרֶב רַב זֶענֶען רוֹצְחִים, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הָאבְּן מִיט זֵיי. מִיר הָאבְּן דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וואוּ מֶען שְׁטֵייט – קֶען מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

**אִיךְ וַוארְט שׁוֹין צוּ זַיין מִיט עֶנְק.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ב)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קסד)

**תקפא**

פַאר שַׁבָּת שִׁירָה, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן קַיין טְשֶׁעהְרִין און עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָן, און אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען טְרַאכְט תּוֹרָה, דַארְף מֶען אַסַאךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אִין קָאפּ דִי תּוֹרָה אוֹיף וָואס מֶען וִויל מְחַדֵּשׁ זַיין, דֶער פָּסוּק אָדֶער דֶער עִנְיָן אִין וָואס מֶען אִיז עוֹסֵק דַארְף מֶען אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל, קְלַאפְּן און הַאקְן אוֹיפְ'ן טִיר, בִּיז מֶען עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר, און מֶען אִיז זוֹכֶה מְחַדֵּשׁ צוּ זַיין אַ חִידוּשׁ אוֹיף דֶעם עִנְיָן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא צוּמָאל וָואס אַ זַאךְ גֶעבְּט אַ פְלִי דוּרְךְ אִין דִי מַחֲשָׁבָה, אַזוֹי וִוי מֶען וַוארְפְט אַ זַאךְ און עֶס פְלִיעֶט גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן גֶעדַאנְק, און מֶען דַארְף זַיין אַ שְׁטַארְקֶער גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ נָאכְצוּלוֹיפְן און צוּ כַאפְּן דִי זַאךְ.

**תקפב**

דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט דֶעמָאלְט מִיט רֶבִּי נָתָן און אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען און גֶעטְרֵייסְט, מִיט זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע רֵייד, וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ זַיין הַארְץ און אִים זֵייעֶר בַּארוּאִיגְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אַלֶע וֶועלְן דָאךְ בָּטֵל וֶוערְן פַאר דִי נַחַת רוּחַ וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן, אִיז עֶס דֶען אַ קוּנְץ צוּ אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ נָאר פַאר יֶענֶע וֶועלְט? מֶען דַארְף זֶען אַז אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט זָאל אִים גוּט זַיין".

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט און אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען, וָואס דָאס הָאט גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶענוּמֶען רֶבִּי נָתָנְ'ן, מַמָּשׁ בִּיז טְרֶערְן. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוֵויינְט פוּן שִׂמְחָה און הִתְרַגְּשׁוּת, פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע גֶעפִיל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן.

**תקפג**

דִי רֵייזֶע הָאט זִיךְ פַארְצוֹיגְן פִיל לֶענְגֶער וִוי

<<<<<<



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיט דְרָאגְס?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וִויל וִויסְן וואוּ סְ'אִיז דָא אַ מְקוֹר אִין דִי תּוֹרָה אַז מְ'טָאר נִישְׁט נֶעמֶען קַיין דְרָאגְס (סַמִּים). דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס דְרֵייט זִיךְ הַיינְט אִין דִי יְשִׁיבוֹת גְרִינְגֶע דְרָאגְס.

אֶפְשָׁר וֵוייס אִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט וָואס דְרָאגְס טוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ? וָואס אִיז עֶס אַנְדֶערְשׁ פוּן אַ גְלֶעזְל אַלְקָאהָאל? אֶפְשָׁר שֶׁעדִיגְט עֶס דֶעם מֹחַ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער? אֶפְשָׁר טָאר מֶען נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן מִיט אַבִּיסְל, וַוייל נָאכְדֶעם צִיט עֶס צוּ מֶער און שְׁטֶערְקֶערֶע? בִּיטֶע מִיר קְלָאר מַאכְן אִיבֶּער דֶעם.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט פָאר מִיט דִיר; דוּ פְרֶעגְסְט וואוּ עֶס אִיז דֶער מְקוֹר פוּן דִי תּוֹרָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען דְרָאגְס (סַמִּים). אִיךְ וֶועל דִיר פְרֶעגְן אַ שְׁטֶערְקֶערֶע שְׁאֵלָה: "וואוּ שְׁטֵייט אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן קַיין סַם (רַעַל)?" וֶועסְטוּ מִיר אַוַדַאי עֶנְטְפֶערְן: "וַוייל אַז מֶען עֶסְט סַם שְׁטַארְבְּט מֶען"; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דְרָאגְס. וֶוען מֶען נֶעמְט דְרָאגְס פַארְבְּרֶענְט מֶען זִיךְ דֶעם מֹחַ, מֶען קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן גֶעהֶערִיג, מֶען פַארְלִירְט סַיי דֶעם גַשְׁמִיוּת'דִיגְן לֶעבְּן, און כָּל שֶׁכֵּן דֶעם רוּחְנִיוּת'דִיגֶער לֶעבְּן. מֶען אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ פוּן פְרִיעֶר, מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אָנְגֶעדְרָאגְט אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס אִיז פַארְ'שִׁיכּוֹרְ'ט אִינְגַאנְצְן.

אֵיינֶער וָואס נֶעמְט דְרָאגְס וֶוערְט מִיט דִי צַייט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, בִּיז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט אָנְגֵיין אָנֶעם. אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין דְרָאגְס וֶוערְט עֶר פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ בַּאקוּמֶען דְרָאגְס, אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעלְט וֶועט עֶר גֵיין גַנְבְ'עֶנֶען גֶעלְט, אַבִּי צוּ בַּאקוּמֶען דְרָאגְס. דֶער סוֹף וֶועט זַיין אַז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין מְשׁוּגָעִים הוֹיז אָדֶער אִין תְּפִיסָה, אָדֶער וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן.

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן וִויסְן וָואס דֶער סוֹף אִיז פוּן אֵיינֶער וָואס נֶעמְט דְרָאגְס, כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַארְכַאפְּט וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס זוּכְן אַרַיין צוּ כַאפְּן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶער אִין דֶעם. וַוייל אֵיינְמָאל מֶען אִיז טוֹעֵם פוּן דֶעם בִּיטֶערְן טַעַם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם, און מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ פַארְן גַאנְצֶע לֶעבְּן. דֶערְפַאר הֶערְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת וִוי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען זִיךְ דָאס לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוייל דֶער לֶעבְּן אִיז זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד.

לֵיידֶער גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי פִיל צָרוֹת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם; אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל נֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וָואס דָאס קֶען הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה זָאל מֶען לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער - מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען אִיז מֶער נִישְׁט אַלֵיין. וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט מֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר, עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אַנְשְׁטָאט דֶעם נֶעמְט מֶען נֶעבֶּעךְ סַם הַמָּוֶת, מֶען נֶעמְט דְרָאגְס, וָואס דָאס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער דֶעם צָרָה בִּיז מֶען פַארְלִירְט דָאס לֶעבְּן.

מֶען הֶערְט לֵיידֶער אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשִׂיוֹת וִוי גַאנְצֶע שְׁטִיבֶּער צֶעפַאלְן, נָאר וַוייל דֶער מַאן - דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים, זֵיי הָאבְּן אִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל נָאר פַארְזוּכְן אַבִּיסְל, בִּיז עֶר פַארְגֶעסְט אַהֵיים צוּ קוּמֶען, עֶר בְּלַייבְּט שְׁלָאפְן אִין זַיין אָפִיס וְכוּ', אָדֶער אִין זַיין קַאר, בִּיז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וֶוערְט אוֹיס.

אַלֶעס פַאנְגְט זִיךְ אָן מִיט דֶעם וָואס מֶען פָּאפְט זִיךְ אַלֵיין אָפּ, מֶען טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ נֶעם נָאר אַבִּיסְל', 'עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אֵיין שְׁלֶעפּ וְכוּ''; דוּ קֶענְסְט הַיינְט הֶערְן כָּל מִינֵי הֶסְבֵּרִים פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ', מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן אָן יִרְאַת שָׁמַיִם, וָואס בַּארֶעכְטִיגְן דָאס נֶעמֶען דְרָאגְס: 'וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ', 'וָואס אִיז דְרָאגְס אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ צְוֵוייטֶע סָארְט אַדִיקְשָׁאן', אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ מִיט שֵׂכֶל וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען אִים אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן בָּזֶה וּבְבָא.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשע"ח)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

גֶעוֶוענְלִיךְ, צוּלִיבּ דִי פִּילֶע שְׁנֵייעֶן אוּן וִוינְטְן וָואס הָאט דַאן גֶעבּוּזְשֶׁעוֶועט, אוּן דִי וֶועגְן זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען קַיין טְשֶׁערִין אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט פְּרוּבִּירְט כָּאטְשׁ צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף מֶעדְוֶועדִיוְקֶע אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶער דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, דֶער וֶועג הָאט גֶענוּמֶען זֵייעֶר לַאנְג אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט בְּלַייבְּן אוֹיף שַׁבָּת אִינֶעם דָארְף הָאלָאוְקִיוּקָא וָואס אִיז נָאנְט צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, דִי פֶערְד זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין וַוייטֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִינֶעם דָארְף מַמָּשׁ נָאנְט צוּם זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּירוֹת.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# סימן טוב ומזל טוב
# יהא לנו ולכל ישראל

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די געוואלדיגע חיזוק שיעורים, דרשות, און בריוו; וואונטשן מיר א הארציגע ברכת מזל טוב פאר'ן חשוב'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון
הבחור החשוב נחמן נתן נ"י
און צו די אפשערן פון זיין אייניקל
הילד נחמן נתן נ"י
בן מו"ה שלמה רוטה שליט"א

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **משה לייב** הי"ו
בן מו"ה **הערשל ניימאן** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **יודל דעפריס** הי"ו

***

החתן מו"ה **בנימין זאב** הי"ו
בן מו"ה **משה אהרן ניימאן** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **שמחה לעווי** הי"ו

***

החתן מו"ה **מאטי** הי"ו
בן מו"ה **אהרן ראזנבערגער** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **שמחה יאקאבאוויטש** הי"ו

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אנשי שלומינו רופן זיך אן ווארעם צו דרוקן ספה"ק "עצתו אמונה" חלק ח'

דער קומענדיגן באנד פון עצתו אמונה, וואס האלט שוין ביי חלק ח', וואס אנטהאלט די פילע שאלות ותשובות געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, האלט שוין ב"ה ביי די לעצטע שטאפלען איידער עס גייט צום דרוק. דער פרישער באנד איז פונקט ווי די פריערדיגע אנגעפילט מיט חיזוק איבער אמונה, עבודת השם, עצות אויפ'ן טאג טעגליכן לעבן ווי אזוי מען קען לעבן מיט'ן אייבערשטן, איבערקומען שוועריקייטן, זיך דורכקומען אינדערהיים מיט די ווייב און קינדער, און וויאזוי פשוטע מענטשן קענען זוכה זיין צו ווערן צוגעקלעבט צום אייבערשטן און צו די תורה, מען זאל ליב האבן אידישקייט און קענען אויפציען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף שיינע לעכטיגע דורות.

די פריערדיגע בענדער זענען צוכאפט געווארן פון די הענט פון די מפיצים דורך אנשי שלומינו וועלכע האבן שוין פארזוכט די טעם פון די "אונגארישע וויין" און קענען קוים ווארטן צו געניסן פונעם ענדלאזן קוואל פון הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים, אין וואס מען איז זיך קובע א שיעור יעדן איינציגן טאג פון וואס מען שעפט די כוחות אנצוגיין. אזוי אויך דורך פילע אידן איבער די גאנצע וועלט וואס האבן געהערט אז דער הייליגער רבי האט אן עצה און חיזוק פאר יעדן איינעם אין יעדן מצב, און מען כאפט זיך צו דערצו ווי א דארשטיגער צו א קאלט גלעזל וואסער.

אומצאליגע אידן און גאנצע משפחות זענען שוין אויפגעראכטן געווארן ברוחניות ובגשמיות דורך די בריוו, וואס איז אלעס געשעפט געווארן פונעם ריינעם קוואל פון די הייליגע תורה, פון חז"ל, פון אונזערע הייליגע רבי'ס, ובפרט פון די ספרים פון הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים אויף די וועג ווי אזוי מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט. פילע סודות ווערן אנטפלעקט פאר די וואס לערנען אינעם הייליגן ספר, מען ווערט געוואויר אז "דער אייבערשטער דארף מיר יא", און "אויך איך קען צוריק קומען צום אייבערשטן" און "איך קען און עס איז געשמאק צו זיין אן ערליכער איד", אזוי אויך אז עס איז דא א וועג פאר יעדן צו לערנען די הייליגע תורה ווי אזוי זיך אויסצוקומען אינדערהיים, אזוי אויך ווערט מען געוואויר אז "דער אייבערשטער הערט אויס יעדעס ווארט וואס איך זאג, און ערווארט איך זאל רעדן צו אים", און אז "עס איז נישטא צו ווען זיך צו ווענדן, איך האב קיינעם נישט אויף דער וועלט אויסער דעם אייבערשטן", אזוי אויך זעט מען דארט ווי אזוי האנדלען מיט געלט און זיך היטן פון חובות, אזוי אויך לערנט מען ווי אזוי מען דארף אויסלערנען די קינדער זיך אכטונג צו געבן פון מנוולים "זאג פאר דיינע קינדער אז קיינער טאר זיי נישט אנרירן, און אויב ח"ו איינער רירט זיי אן זאלן זיי שרייען און דערציילן" אזוי כהנה וכהנה ברענגט דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין אונז האפענונג, קרבת אלקים, און עצות צו קענען אנגיין מיט'ן לעבן טראץ אלע שוועריקייטן.

דער גרויסער זכות פון העלפן דרוקן דעם הייליגן ספר איז אין לשער, יעדע נדבה וועט צוניץ קומען פאר'ן נותן בזה ובבה, ער האט א חלק אין מחזק זיין און דערנענטערן אומצאליגע אידישע קינדער צום אייבערשטן און זיי ארויסהעלפן טאג טעגליך אז זיי זאלן האבן א בעסערע און זיסערע לעבן מיט די ווייב און קינדער. מען קען געבן נדבות דירעקט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א (און אויפשרייבן אויפ'ן ענוועלאפ "עצתו אמונה חלק ח'"), אדער קען מען איבערגעבן די נדבות פאר מו"ה ישעי' איידליס שליט"א, מ'קען אים רופן אויף 347-831-1391.

**עצתו אמונה פעולתו אמת!**

***

# ספירה אלבום אויף קול ברסלב

שטייענדיג אין די טעג פון ספירה, ווען דער מנהג איז נישט צו הערן קיין מוזיק, אבער אידישע קינדער ווילן זיך נאכאלץ מחזק זיין מיט די אידישע ניגונים פון אמונה, וואס דערנענטערן א איד צום אייבערשטן, האט די באקאנטע "קול ברסלב" טעלעפאן ליין צוגעלייגט א גאר נוצבארע קנעפל, מיט ווארימע און הערליכע ניגונים, געזינגען אן מוזיק, ספעציעל פאר די ימי הספירה.

די אפטיילונג אנטהאלט הערליכע ניגונים געזינגען דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, וואס טוט אנווארעמען דאס הארץ זיך צוריק צו קערן צום באשעפער און דערמיט זיך גרייטן אויף קבלת התורה, צו מקבל זיין אויף זיך דעם עול תורה, טון נאר וואס דער אייבערשטער וויל. צו הערן דעם אלבום אויף קול ברסלב, דרוקט 1 פאר אידיש, 6 פאר היכל נגינה, און 6 פאר ניגונים לימי הספירה. די ניגונים זענען אויך זייער געאייגנט איינשלעפן די קינדער ביינאכט, און אין איינוועגס זיי אויפוועקן צום אייבערשטן.

**ועל ידי זה יושפע שפע רב בכל העולמות!**

## א שיינער באלעבאס

**איך וויל זיין א שיינער באלעבאס, מצליח זיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות, ווי אזוי ווערט מען אן אנגעזעענער באלעבאס?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 2, 8**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **/chizikyomi@gmail.com** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >